# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

“Mayn Mame” fun Yitzkhok Burshteyn-Finer ( “My Mother” by Isaac Burstein-Finer)

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/19h2p5q1

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

### Author

Kope (Koppe), Rifke (Rebcca)

### Publication Date

1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

רבקה קאַפּע / פּאַריז

# „מיין מאַמע", פון יצחק בורשטיין־פינער

די ערשטע סקיצע, „דער פּאָרטרעט פון מיין מאַמע", איז ווי אַ וויַזפינגער וווּ אַהין עס פירט דאָס גאַנצע בוך. דעם מחבר'ס מאַמע איז דער פּראָטאָטיפּ אין וועמענס צענטראַלן פּונקט עס זענען פאַרקערפּערט אַלע מאַמעס; און דער צענטראַלער פּונקט איז ליבשאַפט, וואָס אַ געפּילפּולער זון צאָלט אָפּ מיט אַ בוך־מאָנומענט זיין מאַמען און וועקט דעם אינטערעס צו זיין סקיצע, דערציילונג און נאָוועלע.

ס'איז מיר באַקאַנט דאָס בוך פון אַלבערט כהן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, אַ ליבגעזאַנג אין פּראָזע געווידמעט בלויז זיין אייגענער מאַמען, וואָס שטייגט אַריבער ביי אים אַלע ליבעס פון פרויען צו מענער.

דער מאַמע־קאָמפּלעקס האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין דער מאָלעריי. לאָמיר גלייבן אַז לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט אַריבערגעפירט זיין מוטערס געלייטערטן שמייכל אויף זיין מאָנאָ ליזאָ... און די דזשאָקאָנדע האָט געיירשנט דעם פרויען־שמייכל, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אינעם געמיט פון קינסטלער, וואָס אַ וועלט האַלט אין איין באַוווּנדערן!

דער סענטימענט אָדער אינסטינקט צום אייגענעם באַשאַף איז אַ פּועל־יוצא פונעם דויער פון לעבן. ביי די אונגדז באַקאַנטע נידעריקע בעלי־חי, ווי אַ הונט אָדער אַ קאַץ, דויערט עס געציילטע וואָכן. די מוטער גרייט צו דעם נייעם דור צום לעבן, אַנטוויקלט ביים קינד דעם אויפהאַלט־אינסטינקט, דערציט דאָס קינד צו פיזיאָלאָגישער ריינקייט און דערמיט ענדיקט זיך די פליכט־קרובהשאַפט. דאָס מאַמע־געפיל ווערט אָפּגעטעמפּט אין אַ קורצן ציקל פון וואָכן. טראָץ דעם וואָס ביים מענטש גייט ווייט אַוועק די בלוט־קרובהשאַפט, פאַררינגלט זיך אין דור דורות, באַגרענעצט זיך אויך דער מאַמע־אינסטינקט כמעט בלויז צו איר באַשאַף. דער מאַמעס גוטסקייט ברייטערט זיך אויס אין די ד' אַמות פון אירע קינדער, ווייל אויך די צייט פון איר עקזיסטענץ קאָן נישט אַריבערדערלאַנגען די מענטשלעכע דימענסיעס. מאַמעשע ליבשאַפט איז אויך פאַראַן אין אַ פאַרליבטער פרוי אין מאַן; ווי דאָס איז אונטערגעשטראָכן פונעם מחבר ביי די שפּיטאָל־שוועסטערן. איינע פון זיי, חיהלע, וואָס איז געווען פאַר דעם שווער־פאַרוווּנדעטן חייל ווי אַ מאַמע, איז שפּעטער געוואָרן זיין פרוי.

יצחק פינער האָט געיירשנט זיין מאַמעס מאַמעשאַפט. ער זעט אין יעדער פרוי, וואָס טראָגט נאָך ניט דעם פאַרדינטן טיטל, די צוקונפטיקע, קרבנות־גרייטע מאַמע. ער זעט זי אפילו — ווי שוין אויבן דערמאָנט — ביי דער מאָדערנער פרוי.

אין זיין בוך פּאָעמעס, איבערזעצט אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, געווידמעט זיינע אייניקלעך, איז דער שרייבער אַזוי פאַרשפּילט און פאַרזיידעוועט מיטן קליינוואַרג און די לידער זענען געשריבן מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט און ליבשאַפט צו די קינדער, אַז ס'דאַכט זיך, אַ מאַמע האָט זיי געשריבן.

דער קרעאַטיווער פולס ביי י. בורשטיין פינער איז זייער אַן אַקטיווער. פונעם ערשטן בוך אַן „די שעה פון בין השמשות"

---

און עס הייבט זיך אָן די סטאַלין־קרעמלשפּיל. אַ סוף צו אַלע יידישע קאָמוניסטישע אילוזיעס:

„די קאַ־גע־בע לייט לייענען נישט קיין לידער
און קענען נישט דעם דיכטער פון זיין בוך.
זיי קענען בלויז דעם גוף זיינעם, די גלידער,
צעשלאָגענע פון זיי בעת אַ נאַכט־באַזוך."

מאיר חרץ איז איצט אַן אָנגעזעענער יידישער פּאָעט צווישן די יידישע שרייבערס אין ישראל.

ז. ש.

לאָזט אים נישט צו רו די חורבן־תקופה; זי האָט זיך באַזעצט טיף אין זיין נשמה, פערמענטירט דאָרט, אַז ער קאָן זיך גאָר נישט אָפּרייניקן. ער האָט שטענדיק עפּעס אויסצולאָדן פון זיין פעדער און ער שטייגט אין זיין יצירה. די נאָוועלע „פרעמדע" איז אַ קליינער וואַריאַנט פון זיינע פריערדיקע ביכער; אַריינגערעכנט דאָס גרעסערע ווערק „צוויי משפּחות" ווו עס רעדט זיך פון די איבערגעוואַנדערטע יידן פון דער פוילישער אָרעמקייט נאָך פראַנקרייך. אמת, די טעמע „פרעמדע" איז נישט קיין נייע, איז אונדז נישט פרעמד. זי איז אָבער איבערגעגעבן ערלעך און אַ ביסל געווירצט מיט ספּעציפיש יידישלעכן הומאָר. מען קאָן זאָגן, אַז אַלע זיינע ביכער זענען קאָנצענטרירטע ליבע צום מענטש. פון זיין איצטיק בוך שטראָמט זיין ליבשאַפט דורך זיין מאַמע צו אַלע מאַמעס — דער עיקר פון דער עלטערער תקופה פון אונדזער פאָלקס־געמיינשאַפט.

שוין די ערשטע סקיצע „דער פּאָרטרעט פון מיין מאַמע", וואָס ער „גנבעט" אַרויס פון מוזעום כדי זי צו רעפּראָדוצירן און פאַרקערפּערן אין איר אַלע מאַמעס, איז אַ געלונגענער דערציילערישער מיטאָס. — דער שרייבער לייבוש לעהרער ע"ה האָט די חכמה פון דערציילן קורץ און בינדיק פאָרמולירט: „פּילאָ־מיטאָס".

י. פינער איז אַ גוטער אָבסערווירער און אַבסאָרבירער. ער האָט ליב אַרויסצוברענגען דעטאַלן — נישט נאָר אין שפּליטערס און געדאַנקען פון אַ „צעבראָכענעם שפּיגל", ווי אַזוי אַ מענטש קומט אין שלומער פון ווייטאָגן פון אַ פאַרפאַל, דורך זיין פּסיכאָ־אָפּטיק צו איבערגלויביקייט, וואָס באַרירט זיך מיט פּאַראַ־פּסיכאָלאָגיע.

אין דער סטרוקטור פון בעלעטריסטיק מוז דאָס אויג זיין דער גוטער סטראַטעג און אויך וויסן אויף וועלכן דעטאַל שטעלן דעם טראָפּ, דעם כאַפּ... אַזוי טוט דאָס דער טוריסט אין ישראל, דער שרייבער אַליין אין דער דערציילונג „דערמאָנונג". ער באַמערקט ווי עס שטעלט זיך אָפּ דאָס אויפגעהויבענע פּיסעלע צום שפּרונג אין קלאַסנשפּיל פון אַ מיידעלע אויפן טראָטואַר... דאָס איז אַ ווונדערלעכער דעטאַל, אַ ליכט־סיגנאַל, אַ האָסלע צו דעם אַלאַרם פון סירענעס אין מיטן געהאַמער־פּולס פון גאַסן־לעבן, וואָס ווערט אָפּגעשטעלט צו באַערן די געפאַלענע צו דער דאַטע פון באַפרייונג פון לאַנד. דער דאָזיקער אופן פון דערציילן שאַפט צוטרוי און אינטערעס — טאַקע ווי אַ מענטש וואָלט געשטאַנען אויף אַן אָבסערוואַציע־פּונקט און פירט אויס טריי אַ שליחות.

פאַראַן דערציילונגען — קאָן זיין פון דורכויס פאַקטועלע געשעענישן, אַזוי לייענען מיר „אין איינער אַ נאַכט" אַ בילד, וואָס איז אַרויס פון זיין רוטינירטער לעבנסראַם און איז געטראָגן געוואָרן אויף הפקר, ווי אַ סך אַנדערע משפּחות, אויסגעשטעלט אויף פאַרניכטונג. אין דער שרעק פאַר אַ פאַרשטייענדיקן באַזוך פון דער געסטאַפּאָ, ווערט אַ קינד אַרויסגעשטויסן פון דער מאַמעס טראַכט; די מוטער שטאַרבט, אָבער אַ ניי לעבן מיט דעם סימבאָלישן נאָמען, חיים, פאַרטרעט דעם מאַמע־קרבן פון דער בוידעם־מאַנסאַרדע. מען פילט ווי די אַלע רירנדיקע באַשרייבונגען וואָלטן איבערגעלאָזט ביים מחבר אַ שטאַמס אין זיין געמיט. דעריבער איז ער אַזוי אינטים פאַרבונדן מיט זיינע זכרונות און מען האָט דעם איינדרוק — וואָס מען מוז אונטערשטרייכן, ווי אַ פרוי — טאַקע אַ מאַמע וואָלט זיי געשריבן.

עס איז כדאַי אַרויסצוכאַפּן אַ ווירקעוודיקן, סתירותדיקן פאַרגלייך אין פינערס פּראָלאָג אין דער נאָוועלע „דער פּראָצעס". ווען דער טריבונאַל קומט אָן, לייענען מיר: „אַלע אין זאַל האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון די ערטער ווי אין שול צו קדושה." „דער פּראָצעס" דערשיטערט מיטן שטוינענדיקן ביישפּיל פון אַ מאַמע אַ רעזיסטענטלערין, וואָס האָט פאַרדינט לויטן געזעץ טויט־שטראָף פאַרן פאַרסמען דעם מערדער פון איר זון. זי וואַרפט אָבער אָפּ יעדן פאָרשלאַג צו נעמען אַ פאַרטיידיקער; עס קאָן שוין טאַקע נישט זיין קיין בעסערער אַדוואָקאַט ווי אַ פאַרפייניקטע, קוים לעבן־געבליבענע מאַמע, וואָס האָט בייגעוווינט און אויך באַקומען ווי אַ גלייכער קרבן מערדערישע קלעפּ און צוגעזען ווי מען ברענגט אום אויף

אַ דראַסטישן אופן איר זון, וואָס נאָר די נאַציס זענען געווען פעאיק דערויף. בור־שטיין־פינער האָט געפונען דעם ריכטיקן טאָן פון אַ פשוטע, העראָישע מאַמע, וואָס נעמט שוין אויף די רעשט פון איר לעבן אָדער טויט מיט אַ קלוגן סטאָיציזם. דער זאַל ווערט אויפגעטרייסלט פון איר דער־ציילן און זי ווערט באַפרייט.

לאָמיר נאָך געבן אַ ציטאַטע פון אַ ריכ־טיקע פסיכאָלאָגישע באַמערקונג אַריינ־געפּאַסט אין דער געגעבענער סיטואַציע: „רעגן פאַרט זיך מיט אומעט, איז אָבער רעגן אַן אָנזאָג אויף מזל־ברכה; צו אומעט קאָן אַ מענטש זיך צוגעוויינען פונקט ווי צו פרייד, צו פאַרגעניגן.״

ציטירט פון דער דערציילונג „די מאַמע מישעל״.

די פאַרבינדונג פון רעאַליטעט מיט אימאַזשינאַציע איז אין דעם בוך האַרמאָ־ניש און געשיקט געשטאַלטיקט, אַז מען ווערט טייל מאָל פאַרבלעפט פון דעם קינסטלערישן איינפאַל, וואָס איר האָט אַבסאָלוט נישט געקאָנט אַנען, נישט אַרויספילן, ווי עס טרעפט ביים גוטן לייי־ענער. צום ביישפּיל: דער פינאַל פון „אַ שנירל פּערל״. עפּעס ווירקט עס זיך אויס אויף אייך ווי אַ ווונדער פון דער נאַטור; ווען פון אַ לויטערן בלויען הימל רייסט אויף אַ קנאַל מיט אַ בליץ צוזאַמען. אין טיילעכל פון אַ מאָמענט ווערט מען דער־שיטערט ווי פון דעם פּלוצלונגן פענאָמען, וואָס רייסט איבער עלעקטרישע דראָטן — און ס׳דאַכט זיך אַז אויך צווישן די באַ־שיצטע ווענט פון דער היים וואָלט עפּעס אויפגעריסן. — אַזוי רופט אַרויס דאָס מעשהלע „אַ שנירל פערל״, דעם דאָזיקן בכיוונדיקן שאָק מיט אַ שמייכל צוזאַמען...

אָט אַזאַ טאָפּלט געפיל לעבט מען איי־בער ביי טייל דערציילונגען, ווי אַ קאַלי־זיע פון צוויי עלעמענטן אין דער פיזיק...

אַ צווייטע פערלדיקע נאָוועלע איז „דער סופּערמאַרקעט״. אַ באָבע בלאָנקעט אַרום אין דעם גרויסן מאַגאַזין וווּ זי האָט זיך אָפּגערעדט מיט איר קליין אייניקל מערי. דער נאַראַטיוו צעוואַקסט זיך פאַנטאַסטיש שיין — און דווקא אין אַ מאָדערנער די־מענסיע, וואָס טראָגט נאָך שפּורן פון דער דייטשער טויט־אינדוסטריע. די דעטאַ־ליזירטע שילדערונגען פון די סטאַנדן פאַרכאַפּן ממש דעם אָטעם. עס גיט אַ גלאַנץ אַ פאַרביק בילד פונעם גאַנצן סופּערמאַרקעט, פון אַ מאַגאַזין פון דער אָרדינאַטאָר־ציוויליזאַציע. באַזונדערס די וואַריעטעט פון קעזן רייצן, גלייכצייטיק דעם ווילן צום לייענען און דעם אַפּעטיט־דריז... חלום און וואָר זענען דאָ פאַר־וויקלט איז אַזאַ קינסטלערישע און אַנגס־טיקע פאַרשפּילטקייט פון אַ מאַמע, אַ באָבע, וואָס געפינט נישט איר אייניקל.

דער פינאַל ביי דער קינדער־קאַרוזעליע איז אונדז אונטערגעטראָגן פסיכאָ־אַנאַ־ליטיש און ראַפינעריש... בכלל דער גאַנצער אַרומנעם פון סופּערמאַרקעט מאַכט דעם איינדרוק ווי אַ פאַרשפּילט קינד טוט אויפבלאָזן אַ לופטבאַלאָן אונ־טערן הימל און, וואָס מער די וועלט שפּיגלט זיך אין אים, אַלץ מער איז דאָס קינד פאַרכאַפּט אין דער שפּיל פון אויפ־בלאָזן ביז דער באַלאָן פּלאַצט!...

דער אָנהייב פון יעדער באַשרייבונג פון יצחק בורשטיין־פינער פירט אַריין אין אַ באַצווונגענעם אינטערעס. מען מוז אָנגיין מיטן לייענען און מען קאָן גאָר נישט איבערהיפּערן, טראָץ דעם וואָס אַ טייל דערציילונגען זענען אונדז שוין גע־ווען באַקאַנט פון פאַרשיידענע זשורנאַלן. ס׳איז וויכטיק איבערצולייענען דאָס גאַנ־צע בוך, ווו נישט נאָר די פּרוי, וואָס טראָגט שוין דעם טיטל מאַמע, ווערט סובלימירט, נייערט בכלל זעט פינער אין יעדער פרוי — אויך אין דער מאָדערנער — די צוקונפטיקע האַרציקע מאַמע.

דאָס בוך עפנט זיך אויף מיט אַ מאַיעס־טעטישן פאַרטרעט געמאָלן פון מייסטער־פאַרטרעטיסט, יעקב מאַרקיעל — און סימבאָליזירט טאַקע די געטין פון ליבע — דעם דראַמאַטישן לייטמאָטיוו, וואָס ציט זיך דורכן גאַנצן בוך — די מאַמע וועגנוס!...

## וועגן רעצענזיעס

שרייבערס און פאַרלעגערס וואָס וואָלטן געוואָלט אַז זייערע ביכער זאָלן רעצענ־זירט ווערן אין „חשבון״, דאַרפן אַריינ־שיקן זייערע ביכער צו דער רעדאַקציע פון „חשבון״.